# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון **09** | פרשת **בלק** תשע"ט


לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# דער זעלבסט אורטייל

ארויסגענומען פון: ליקוטי הלכות, ברכת השחר ה"ה; הרשאה ה"ג.

**פארוואס דארפן מיר אויסשמועסן פאר'ן אייבערשטן אלע אונזערע געדאנקען בשעת ער ווייסט דאך ממילא אלעס וואס מיר טראכטן? | אין וועלכע זכות וועלן מיר ווערן אויסגעלייזט במהרה בימינו?**

פון די הויפט הנהגות וואס דער רבי האט שטארק אוועקגעשטעלט ביי זיינע תלמידים, איז אז יעדער מענטש אָן אויסנאם דארף האבן א צייט אפשניט פון ארום 'א שעה' א יעדן טאג אין וואס ער זאל זיך אפזונדערן אין א שטילע ווינקל (צום ביישפיל: א פוסטע פעלד אדער פריוואטע צימער) וואו ער זאל זיצן רואיג מיט ישוב הדעת און ער זאל דעמאלטס פונקטליך איבערגיין מיטן אייבערשטן און אים דערציילן אלעס וואס איז אריבער אויף אים אין די פארגאנגענע פיר און צוואנציג שעה, אלע זיינע דורכפעלער, ווי שטארק ער האט חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים. און אזוי אויך אויף אלעס וואס ער שטרעבט אנצוקומען: ווי שטארק ער וויל זיין ערליך, ווי שווער עס גייט אים, ווי שטארק ער וויל זוכה זיין צו זיין נאנט צום אייבערשטן און זיין א אמת'ע ערליכע איד, און אזוי ווייטער.

די פאָרעם פון די שמועס, האט דער רבי באהויפטעט, זאל זיך פירן אזויווי ער וואלט זיך אויסגערעדט פאר א גוטע חבר זיינער, מיט די גאנצע אפענקייט, ער זאל גארנישט באהאלטן אדער פארדעקן. ער זאל זיך אויסשמועסן אויף זיין מאמע לשון אין וואס ער איז געוואוינט שטענדיג צו רעדן, אזוי אז ער זאל זיך שפירן באקוועם און היימיש אויפצועפענען זיינע טיפסטע געפילן פון זיין הארץ. ווי אויך קען ער זיך אויסשמועסן אויף א אופן פון 'טענות' צו באַאיינפלוסן כביכול דעם אייבערשטן פארוואס פונקט ער האלט אז ער מוז אים העלפן. אזוי אויך זאל ער זיך דעמאלטס פארענטפערן און זיך אנטשולדיגן אויף אלע זיינע עוולות און זינד - אט די הנהגה פונעם הייליגן רבי'ן איז די ברייט באקאנטע עבודה פון **התבודדות!** אויף וואס דער רבי האט זיך אויסגעדריקט (ליקו"ת כ"ה) **"הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל!"**

צומאל שווימט ארויף ביים מענטש אין געוויסן אזא פראגע, צו וואס פעלט אויס מיטצוטיילן אלע מיינע פערזענליכע איבערלעבענישן פאר'ן אייבערשטן, ער ווייסט דאך ממילא אלעס וואס איך טראכט?! דער תירוץ דערויף איז: אויסער די פשוט'ע רווחים וואס דער מענטש פארדינט דורכ'ן אויספאלגן די עצה פון 'זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן' אלעס וואס ליגט אים אויפן הארץ, וואס דאס איז הויפטזעכליך - אז דורכדעם וואס דער מענטש ווענדט זיך צום אייבערשטן וועט אים דער אייבערשטער אוודאי העלפן אנצוקומען צו וואו ער שטרעבט, און ווי אויך פארדינט ער פאר זיך אליין יעדן טאג דאס ביסל ישוב הדעת צו וויסן וואו ער שטייט - איז דא נאך א גוואלדיגע אויפטוה ווי מיר וועלן יעצט זען.

אינעם רבינ'ס ספרים (ליקו"מ ט"ו) געפונען מיר אויף די מושג פון התבודדות נאך א צונאָמען: **'משפט'!** היות די צורה פון די שמועס איז אויסגעשטעלט אויף א אופן אז דער מענטש רעכט אפ א משפט, א פראצעס אויף זיך זעלבסט. ער לייגט אויס אויפן טיש אלע זיינע מעשים וואס ער איז אלץ באגאנגען און ער נעמט זיך אפיר אויף יעדן פרט פון זיין לעבן, דינענדיג צו דער זעלבע צייט סיי אלץ דער פראקוראר און דער ריכטער און דער באשולדיגטער אויף איינמאל!

> **דורך אט די וועג קענען אפילו די גאר נידריגסטע מענטשן זוכה זיין אנצוקומען צו די סאמע העכסטע מדריגות פון קדושת ישראל!**

אין זוה"ק שטייט (פנחס רל"א.): ווען א איד קומט צום אייבערשטן און ער טוט תשובה און ער האט חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים, דאן ווען די מקטריגים ווילן קומען צום אייבערשטן אריינצוגעבן א קלאגע קעגן דעם איד זאגט זיי דער אייבערשטער: מישט אייך נישט אריין, איך וויל גארנישט הערן, איך בין זיך שוין דורכגעקומען מיט אים, ער איז מיר שוין אליין געקומען אלעס פארציילן און איבערגעבעטן!

אין אנדערע ווערטער: דורך משפט, דאס הייסט, דורך התבודדות, ווערט פארמאכט די פיסק פון אלע מקטריגים וואס ווילן מקטרג זיין אויפן מענטש אויבן אין הימל! ווען א איד זעט אז ער איז דורכגעפאלן אדער זיך באנארישט מיט סיי וואס, בעט יעצט דער אייבערשטער פון אים אין זיין מצב בלויז איין זאך: דו האסט זיך נישט געקענט מתגבר זיין אויף דיינע נסיונות? דו ביסט דורכגעפאלן? פארהויל דיר נישט פון די מציאות, קום צו מיר און דערצייל מיר גענוי אלעס וואס איז פאָרגעגאנגען, פארוואס זאלסטו צולאזן אז די מקטריגים זאלן זיך ח"ו קענען אריינמישן אין די קעיס?!

ווען א מענטש איז נישט צוגעוואוינט צו קומען און דערציילן פאר'ן אייבערשטן אלע זיינע איבערגייעניש, אזא מענטש ווען ער איז עובר אויף סיי וואס, קען דער אייבערשטער כביכול נישט אוועקשיקן די טענות פון די מקטריגים, און דאן קענען זיי אויספירן דאס ערגסטע ה"י.... ווען א מענטש געוואוינט זיך אבער איין צו קומען שטענדיג און דערציילן אלעס פאר'ן אייבערשטן, דאן זאגט שוין דוד המלך אין תהלים (ד'): **"כִּי אַתָּה ה' לְבָדָד לָבֶטַח תּוֹשִׁיבֵנִי"**, דורך

*המשך בעמוד ב'*

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***לא הביט און ביעקב***

*(במדבר כ"ג, כ"א)*

השי"ת מביט תמיד על הטוב שכלל ישראל עושה. כמ"ש: **"לא הביט און ביעקב"**, אע"פ שנמצא בהם ג"כ מה שאינו טוב. מכל-שכן שאסור לאדם להביט ולמצוא בחבירו הפגמים שעושה ולחפש בו דווקא מה שאינו טוב, רק אדרבה, מחוייב להביט רק על הטוב שבו.

*(ליקו"ת סי' י"ז)*

***ותרועת מלך בו***

*(במדבר כ"ג, כ"א)*

**תרועת** לשון שבירה (כמ"ש: "תרועם בשבט ברזל"), היינו כשמשברין הכפירות, אזי **"מלך בו"**. היינו שמוצאין את המלך ית"ש גם בתוך הכפירות עצמן, כי גם שם מלובש חיותו יתברך!

*(שי' הר"ן ק"ב)*

### פרקי אבות

***פת במלח תאכל וכו' אשריך בעולם הזה***

*(במדבר ט' ז')*

לכאורה תמוה מה שאמרו רז"ל במשנה: "כך דרכה של תורה, פת במלח תאכל וכו', וחיי צער תחיה וכו' אשריך בעוה"ז וטוב לך לעוה"ב"! - הא תינח **"וטוב לך לעולם הבא"**, כי בוודאי בעוה"ב חלקו ושכרו גדול מאד, אבל האיך שייך **"אשריך בעולם הזה"** אחר שסובל **חיי צער** כזה ואוכל **פת במלח** וכו'? אבל באמת למי שבקי בעניני העוה"ז, אצלו מבואר המשנה בפשיטות. כי מי שרוצה לחיות בעוה"ז בנחת בלי צער - הוא מלא צרות תמיד, כי כל העשירים דאגותיהם ויסוריהם רבות מאד בכל שעה (כמ"ש חז"ל: "מרבה נכסים מרבה דאגה"). על-כן בעוה"ז אין עצה לחיות בנחת, כי אם כשמתרצה להסתפק בתכלית המיעוט ולחיות **חיי צער**, שאז דייקא יש לו **חיות** גם **בעולם הזה**. כי לא יהיה לו שום יסורים מפגעי העולם מאחר שמקבל על עצמו הכל בשביל הטוב אמיתי שהוא התורה, נמצא שבוודאי **אשרי לו** גם **"בעולם הזה"!!!**

*(שי' הר"ן ש"ח)*

יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות, לתרומות והנצחות נא לפנות: 347.974.1220 | לקבלת הגליון באימעיל: Cn.Breslev@gmail.com

המשך מעמוד א'

די כח פון "בדד", פון 'התבודדות', איז "לבטח תושיבנו" קען ער זיך העכסט רואיג פארלאזן אויפן אייבערשטן, וויסענדיג, אז זיין אורטייל געפינט זיך אין גוטע הענט...! נישט אזוי זאגן חז"ל? (מד"ר שופטים פ' ה') **"אם יש דין למטה אין דין למעלה, אם אין דין למטה יש דין למעלה!"**

אין די וואכעדיגע פרשה געפונען מיר צווישן די ברכות וואס בלעם איז געוועזן געצווינגען צו בענטשן און אויסלויבן די אידן, ווי ער דרוקט זיך אויס צווישן זיי **"הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן"!** דער עיקר מעלה און חשיבות פון כלל ישראל איז אז זיי מאכן 'התבודדות'! ער וואונטשט זיך אפילו **"וּתְהִי אַחֲרִיתִי כָּמֹהוּ"**, הלואי זאל מיין סוף זיין אזויווי זיי! דאס הייסט, אז אויך דער רשע בלעם האט פארשטאנען אז אויב ער וועט נאר אנהייבן גיין אויף אט די וועג פון התבודדות וועט ער קענען צוקומען צו די העכסטע מדריגות פון קדושת ישראל! וויבאלד דורך התבודדות, איז דער הייליגער רבי מגלה (ליקו"ת סי' כ"ה), קענען אפילו די גאר נידריגסטע מענטשן זוכה זיין אנצוקומען צו די סאמע העכסטע מדריגות! און אפילו גרויסע צדיקים זענען אויך נישט צוגעקומען צו זייערע מדריגות נאר דורך התבודדות! וויבאלד **"פון קליין ביז גרויס איז נישט מעגליך צו זיין א אמת'ע ערליכע איד נאר דורך אט די הנהגה פון 'התבודדות'!!!"** (ליקו"ת ק').

אצינד ווען מיר טרעטן אריין אין די טעג פון בין המצרים דארפן מיר לייגן גאר א שטארקע דגוש דערויף, אזויווי אין מדרש שטייט (תנחומא שופטים) **"לֹא חָרְבָה יְרוּשָׁלַיִם אֶלָּא עַל קִלְקוּל הַדִּין!"** דאס הייסט: וויבאלד די אידן האבן נישט תשובה געטון און זיך אליין פאראורטיילט אויף זייערע מעשים דעריבער האט מען נישט געקענט אפשטילן די באשולדיגונגען אויף זיי און די אורטייל איז איבערגעגעבן געווארן אין די האנט פון די מקטריגים וואס דאס האט גלייכצייטיג ערמעגליכט די רשעים אז זיי זאלן זיך קענען צופירן זייערע הענט לויט זייער באגער ה"י!

דערפאר לאמיר זיך אריינעמען אין קאפ: לויט וויפיל מיר וועלן אנהייבן אריינצוקומען אין די עצה פון 'התבודדות', זיך אויסצוגיסן יעדן טאג דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן, לויט דעם וועלן מיר פארווירקליכן די ווידער-אויפבוי פון ירושלים און דעם ביהמ"ק און צואיילן די גאולה שלימה, אזויווי אין פסוק שטייט (ישעי' א' כ"ז) **"צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה"!** דורך די כח פון 'משפט' וואס אידישע קינדער וועלן אנהייבן אפהאלטן אויף זיך זעלבסט יעדן טאג, וועט ירושלים אויסגעלייזט ווערן בב"א!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

## דאס אומגערישטע באפרייאונג

בלויז א קורצע ווייל נאך זיין חתונה איז עס געווען ווען ר' אהרן האט באקומען א דרינגענדע באפעהל פונעם רוסיש'ן מיליטער-איינהייט אז ער מוז זיך זאפארט שטעלן אין מיליטער. רבי אהרן קיבליטשער (דער שווער פון ר' לוי יצחק בענדער ז"ל) איז דאן געווען א פרישער אינגערמאן. בלויז א חודש פארדעם האט ער זוכה געווען אין א מזל'דיגע שעה צו האלדזן זיין ערשטן בכור. ר' אהרן איז געווען א הויכער שלאנקער געשטאלט, מיט ברייטע ארעמעס, און די רוסן האבן געזעהן אין אים אלץ איינער וועלכע איז פונקט פעאיג ארויסצוגיין אויפן פראנט, און ער איז טאקע באלד פאראורדנט געווארן ארויסצוגיין אויפן פראנט פאר די קומענדיגע פיר יאר.

פילע יונגע פרויען פון מיליטערלייט פלעגן זיך אין יענע עפאכע פלוצלינג טרעפן עלנד אליינס, האפענדיג אז איין טאג וועט זיך נאך זייער מאן אומקערן געזונט און פריש, ווען דערווייל הונגערן זיי נאך א טרוקענעם שטיקל ברויט און אביסל האלץ זיך צו קענען עטוואס דערווארעמען די פארפרוירענע ביינער. צווישן זיי האט זיך אויך געציילט ר' אהרן'ס פרוי, וועלכע איז געזיצן א גאנצן טאג מיט פארוויינטע אויגן איבער דאס וויגל פונעם ניי-געבוירן קינד, האפענדיג אזוי אים צו קענען דערווארעמען.

ווען נישט די פאר ברסלב'ע חברים פון ר' אהרן, וואס האבן זיכער געמאכט איר צוצושטעלן די מינימאלע מענטשליכע געברויכן, וואלט זי שוין ווען לאנג אויסגעגאנגען פאר דארשט און הונגער.

ווייט אוועק, אין דעם אפגעזונדערטן מיליטערישן באזע, געפינט זיך ר' אהרן איינער אליינס, אבער אויף זיין פנים ליגט אויסגעשפרייט די זעלבע שטענדיגע שמייכל זיינע, אדאנק זיין פעלזן פעסטע אומנה. יעדע איינציגסטע נאכט מאכט ר' אהרן זיין וועג ארויס פונעם לאגער, ווי ער טרעפט זיך טאטאל אויסגעשלאסן פון סיי וואספארא מענטשליכע באוירונג, ווען העכער אים ליגט אויסגעשפרייט א ענדלאזע בלויע ליילעך וועלכע איז פיל מיט טויזענטער שטערנס. דארטן, אינעם וואלד, רעכט ר' אהרן אפ זיין התבודדות און תיקון חצות, זיך אויסגיסנדיג דאס הארץ צום רבונו של עולם אז ער זאל אים ווי פריער באפרייען פון דעם וויסטן ארט.

דורכ'ן טאג פלעגט ער זיך שטענדיג ארומדרייען מיט א אויפגעלייגטע פריילעכע געמוהט, ווען ארום אים הערן זיך שטענדיג גוטמוטיגע ווערטעלעך און לידער פון שמחה, עפעס וואס בלאזט אריין א גוטע און אויפגעלייגטע גוסטע אין אלע זיינע ארומיגע, וואס ווי באקאנט איז ר' אהרן'ס מידת השמחה געווען עפעס אויסגעצייכנט צווישן די ברסלב'ע חסידים ממש אלץ א שם דבר.

רבי פנחס קיבלישטער, ר' אהרן'ס רבי, זיצט ארומגענומען מיט א גרופע תלמידים פארטיפט אין א תורה אין ליקוטי מוהר"ן, ווען פלוצלינג געבט זיך ר' פנחס א שטעל אפ, "לאמיר אריבערגיין אין שטוב פון ר' אהרן און זעהן וואס זיין פרוי מאכט, און צו אלעס איז אין ארדענונג".

שטייענדיג ביים טיר פון דעם ארימען הייזקעלע, האט זיך שוין ארויסגעהערט דאס געוויין פון זיין פרוי... אריינקומענדיג האט זיך אנטפלעקט א שטורעמישע בילד. דאס פרוי זיצט איבערן בעטל פונעם קליין קינד, און פארגיסט טייכן טרערן אויסגעמישט מיט אנגסט און זארג איבער'ן מצב פון איר מאן. ר' פנחס איז געווארן צושוידערט. פלוצלינג געבט ער זיך א רוף אן צו איר: "צו איך וועל איבערלעבן דאס יאר צו נישט, ווייס איך נישט. אבער דאס קען איך אייך צוזאגן: אייער מאן וועט זיך אהיימקערן נאך דאס יאר!".

ר' פנחס האט פארלאזט דאס הויז, אבער ער האט נישט איינגערוהט פאר קיין מינוט, און מרעיש עולמות געווען מיט הארצרייסנדע תפילות צום אייבערשטן איבערן באפרייאונג פון זיין תלמיד ר' אהרן.

עס גייט נישט פארביי א לאנגע צייט, און די פרוי פונעם צאר האט געבוירן א קינד. דאס שמחה אינעם צאר'ס הויף איז געווען נישט פארצושטעלן, און אין א גוטמוטיגע מינוט האט דער צאר ארויסגעגעבן א דעקרעט אז יעדע מילטער-מאן וועלכער האט איבערגעלאזט אינדערהיים, א ווייב מיט א קליין קינד, זאל זאפארט באפרייט ווערן פון מיליטערישן דינסטשאפט. דער באפעל האט געכאפט אלעמען אין שאק, דער צאר איז בכלל נישט געווען איינער וועלכער האט זיך אסאך געקימערט איבערן וואוילזיין פון די סאלדאטן, און די באפרייאונג איז געווען דאס רעדע איבערן לאנד.

אויך אינעם באזע ווי ר' אהרן האט זיך געפינען האט די בשורה דערפרייט די פילע סאלדאטן וועלכע האבן איבערגעלאזט זייערע קליינע קינדער אליינס אינדערהיים, און נאך יענעם טאג האבן זיי ארויסשפאצירט מיט גראדע ריקענעס פונעם הויפט טויער פונעם לאגער, אויפן וועג אהיים. אבער רבי אהרן האט שנעל באמערקט אז ער נעמט נישט קיין טייל אינעם שמחה, און ער איז איבערגעלאזט געווארן אינעם באזע. ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט, האט דער הויפט קאמאנדיר אינעם לאגער געשיקט א טעלעגראם צום צאר מיט א ביטע, אז היות אין זיין לאגער געפינט זיך א איד מיטן נאמען ר' אהרן, וועלכער בלאזט שטענדיג אריין א פרייליכקייט און גוט-מוטיגקייט צווישן אלע סאלדאטן, זאל ער מאכן אן 'אויסנאם' און אים איבערלאזן אינעם לאגער...

צו וועט ר' אהרן זעלבסט, וועלכע האט אזויפיל טרערן פארגאסן, און פאר וועמען דער רבוש"ע האט צוגעפירט דעם וואונדערליכן באפרייאונג פאר אלעמען אין זיין זכות, טאקע דארפן פארבלייבן אינעם לאגער?

עס איז דאך פארהאן אן הבטחה פון רבי פנחס אז ער וועט באפרייט ווערן?!

עס איז טאקע נישט אריבער קיין לאנגע ווייל ביז ווען די פרייליכע בשורה האט דערגרייכט צו ר' אהרן'ען, ווען פון קעניגליכע פאלאץ איז צוריקגעקומען דער באלדיגער ענטפער: "דאס איז א פאראררדענונג פונעם צאר זעלבסט וואס קען אויף קיין שום פאל גערירט ווערן, און מוז זאפארט אויסגעפאלגט ווערן!"

ר' אהרן איז טאקע גלייך באפרייט געווארן, און געוואנדן זיינע טריט צו זיין היימשטאט, צו זיין בענקעדיגע ווייב און קינד, ווען אויפן וועג דאנקט ער דעם אויבערשטן אויף דער וואונדערליכן נס וואס ער האט געטוען פאר אים. אנקומענדיג אהיים האט ער אנטדעקט צו זיין גרויס צער, אז בלויז אייניגע טעג פריער האט זיין רבי, רבי פנחס אומגעקערט זיין נשמה צום אדון כל.

ר' פנחס'ס הבטחה איז פולקאם מקויים געווארן געניי אויפן האר.

ואלה יעמדו על הברכה

מוה"ר שאול יחזקאל גראסס הי"ו
קרית יואל
שתרם להפצת הגליון
לרגל נישואי בתו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר אהרן ברוך גאלדרינג הי"ו
מאנסי
שתרם להפצת הגליון
לרגל הולדת הבת
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר יהודה לייב (לייבל) גאלדרינג הי"ו
מאנסי
שתרם להפצת הגליון
לרגל הולדת נכדתו אצל בנו
מוה"ר אהרן ברוך הי"ו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

החתן היקר ישראל גודלעבסקי הי"ו
בן מוה"ר ברוך הי"ו
בארא פארק
שתרם להפצת הגליון
לרגל שמחת אירוסיו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

קול משיב לשואל
שו"ת בעבודת השם עפ"י דעת קדשו של רבינו הקדוש זיעוכי"א
718.362.8870

בקשה מיוחדת!
אין די זוממער וואכן ווען די גליון ווערט נישט געהעריג פארשפרייט, זייט אייך מהנה אנדערע און דרוקט ארויס דעם גליון פאר אייער חבר/שוהל/קאנטרי צו מזכה זיין את הרבים!